# א מעשה'לע

גליון י"א
פרשת נשא - שבועות תשפ"ו
וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## אִיךְ לוֹיבּ אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

קִינְדֶער וֶוער וִויל הֶערְן אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ פְּרָאשׁ?

אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּ לוֹיפְן, וֶוער וִויל דֶען נִישְׁט הֶערְן אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ פְּרָאשׁ...

הֶערְט אוֹיס טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶס בְּלָאזְט אַ לַייכְטֶע וִוינְטְל, דִי הִימְל אִיז שְׁוַוארְץ, עֶס אִיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אַלֶע שְׁלָאפְן, עֶס שַׁיינְט דִי לְבָנָה מִיט דִי פִּינְטְלֶעךְ שְׁטֶערְנְס, נָאר דִי צַדִיקִים זֶענֶען אוֹיף, זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָה, נִישְׁט וַוייט פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל, בַּיים יַם כִּנֶרֶת - שְׁפַּאצִירְט זִיךְ דָוִד הַמֶלֶךְ, עֶר זִינְגְט אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין לֶעבְּן.

דָוִד הַמֶלֶךְ הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל אוּן זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיז דֶען דָא אִין דִי וֶועלְט אֵיינֶער זָאל דִיךְ אַזוֹי



מִיר פְרֶעשׁ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אוּן נַאכְט!

דַאנְקֶען אַזוֹי וִוי אִיךְ דָוִד דַאנְקְט דִיךְ...?״ דָוִד הַמֶּלֶךְ פְלֶעגְט אַלְץ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט יֶעדֶע זַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פְּלוּצְלוּנְג שְׁפְּרִינְגְט אַרוֹיס אַ פְּרָאשׁ פוּנֶעם יַם כִּנֶּרֶת, נִישְׁט אַ פִּיצִי פְּרָאשׁ, אַ רִיזִיגֶע פְּרָאשׁ! דִי פְּרָאשׁ הוֹיבְּט אָן קְוִוִיטְשֶׁען. דָוִד הַמֶּלֶךְ דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, דָוִד הַמֶּלֶךְ לֶעבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. אוֹיךְ קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן אַז ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן׳ - וֶוערְן אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט.

דִי פְּרָאשׁ קוּמְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ אוּן הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּ דָוִד... דִי פְּרָאשׁ קְוִוִיטְשֶׁעט: ״דָוִד, דוּ זָאגְסְט אַז אִין דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אֵיינֶער וָואס זָאל אַזוֹי דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דוּ, לִיגְנְט! אִיךְ מִיט אַלֶע פְּרֶעשׁ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַסַאךְ מֶער פוּן דִיר; מִיר שְׁלָאפְן נִישְׁט, מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוֹיךְ זֶענֶען מִיר מֶער גֶעטְרֵיי פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זֶענֶען אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין מִצְרַיִם אִין דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע אוֹיוְון, צוּ טוּן דִי רָצוֹן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן!״

דָוִד הַמֶּלֶךְ נֶעמְט אַרוֹיס זַיין פִידְל אוּן הוֹיבְּט אָן זִינְגֶען (תְּהִלִּים, קַאפִּיטְל קלה): ״ה׳״, אֵייבֶּערְשְׁטֶער, ״לֹא גָבַהּ לִבִּי״, מַיין הַארְץ גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט, ״וְלֹא רָמוּ עֵינַי״, מַיינֶע אוֹיגְן דֶערְהֵייבְּן זִיךְ נִישְׁט מִיט גַאֲוָה... דֶעמָאלְט הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל.

קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים טוּעֶן, אוּן אַזוֹי וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן - טוּעֶן; וֶועלְן מִיר אוֹיךְ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע קִינְדֶער הוֹיבְּן אָן זִינְגֶען: ״שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער - פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, שְׁכּחַ בַּאשֶׁעפֶער - וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן!״

צו הערן די מעשה פארציילט דורכ׳ן ראש ישיבה שליט״א - 212.444.9191 1-5-2-1

# ספר המידות

למוד - חלק א'



י"ג. הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בַּלַּיְלָה שְׁכִינָה כְּנֶגְדּוֹ.

י"ג. וֶוער עֶס לֶערְנְט תוֹרָה בַּיינַאכְט, אִיז דִי הֵיילִיגֶע שְׁכִינָה קֶעגְן אִיבֶּער אִים.


קול ברסלב

212.444.9191

845.351.0910

צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691